
בס״ד
דוד פינק מגיש
מיכא שניצלער
שבתון
Musical Arrangements:
Duvid Fink
Moshe Laufer
Avrumi Berko
Lipa Brach







Pearl

**PRODUCED BY:** DUVID FINK
**IDEAS AND CONCEPT:** ELI WEBER

**MUSIC ARRANGED BY:** DUVID FINK - ANTWEP, BELGIUM
MOSHE LAUFER - ISRAEL (LIPA'S SONGS)
AVRUMI BERKO (TRACK #6)
LIPA BRACH (TRACK #3)
NAFTALI SCHNITZLER (TRACK #9)

## ORCHESTRA

**DRUMS:** AVI AVIDANI
**GUITARS:** AVI SINGOLDA
**BASS:** NACHMEN HELBITZ
**PIANO AND KEYS:** DUVID FINK
**WOODWINDS:** NITZAN EIN HABAR
**TRUMPETS:** RAFI DAVIDOV
**TROMBONES:** SHACHAR LIVNE
**STRINGS:** JERUSALEM SYMPHONY

**TECHNICAL ASSISTANCE:** SHIMON YOEL STROHLI
**MUSIC RECORDED AT:** TENOR STUDIO | BANT ZMIROT
**VOCALS RECORDED AT:** NESHUMA FLAM STUDIOS - JACKSON, NJ
LIPA SCHMELTZER @ THE STUDYO - POMONA, NY
D.F. STUDIO
**PINKY'S HARMONY RECORDED AT:** VOLUME STUDIOS - SHLOME WECHTER
**MIXING ENGINEER:** CHAIM MOZES
**MASTERING ENGINEER:** ILYA LISHINSKY
**HARMONY ADVISORS:** SHLOIME SAMET & SHLOIME FEINGOLD
**MUSICAL PRODUCER:** MICHAEL TZI

## CHOIR

**CHOIR BY:** ZAMRU & MK STUDIOS
**CHOIR ARRANGED BY:** SHLOIME FEINGOLD, SHEA HONIG, DUVID FINK
**CHOIR CONDUCTED BY:** SHEA HONIG
**ADULT CHOIR MEMBERS:** SHEA HONIG , MOTTI HERCZL, PINI WEISZ,
MOSHE YOSEF FRIEDMAN, SHIMON WEISS
MEILECH KOHN
YOEL HERSH FUCHS & MOTTY FELDMAN (TRACK #11)

**COVER DESIGN & LAYOUT:** ARTICLE IMAGE

# מזמור שיר ליום השבת

חמשה עשר באב תשפ"ב לפ"ק

וביום השבת קודש שישו ושמחו! אזמרה שמך עליון אשר זכיתי בפעם התשיעית להוציא לאור עולם אלבום חדש, מלא תוכן, "נשמה פלאם – שבתון". מיוחד לסיפורי צדיקים ועניני השבת קודש. וכמעשהו בשמונת הראשונים כך בעז"ה מעשהו להלאה, לעורר ולשמח לבבות ישראל בסיפורי צדיקים המעוררים את הנשמה. ובכן אשא כפי אל ה' בתודה על העבר ובקשה על העתיד לזכות עוד רבות בשנים להנות את ישראל ולכבד את ה' מגרוני.

בואו ונצא לקראת שב"ת, להביע עמקי תודתי לכל אלו אשר עזרו וסייעו לי בכל עת, הן בדברי חיזוק לחזקני ולאמצני להוציא לאור עולם זה החלק, והן לאשר עמדו לימיני בכל ענין והעירו הערות חשובות, יהי חלקכם בין מזכי הרבים, לשמח לבבות ישראל בכל עת ועידן.

ובצאתי אפרוש כפי בתפלה, כה יתן ה' וכה יוסיף להשפיע שפע משמי מעל לנו ולכל בני ביתנו ולכל ישראל ישועות ורפואות בכלליות ובפרטיות, שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא, ונזכה כולנו לכל הטוב והחסד מעם הבורא יתברך.

בברכת השבת קודש

ליפא

## KIDS CHOIR

**KIDS CHOIR BY:** MK STUDIOS

**CHILD SOLOISTS:**
פיני מיללער, יוסי מאליק, יהושע אינדיג
דובי ווייגארטן (ROYAL GROVE)
שראלי ווייגארטן (ROYAL GROVE)
משה יוסף גרינפעלד (ROYAL GROVE)

# נשמה'דיגע דאנקען, פאר די געשאנקען:

## פינקי'
מלך הבדחנים
"פינקי" מיט "נשמה פלאם",
גייען בענאזאם!



## ליפא
פונעם פעקעלע ניגון
ביז היינט האסטו נאך
קיינמאל נישט אנטוישט!



## מאטי'
דיין שפעפערישקייט און
טאלאנט שטראמט ווי א
וואסערפאל!



## דוד פינק
מוזיקאליש, אויסטערליש!



תודה מעומקא דליבא
מיין חברותא הרה"צ ר' ישע'לע קרויס
אדמו"ר מאפטא שליט"א ומשפחתו שיחיו

הרה"צ ר' שמחה אהרן שטראהלי שליט"א
רב דקהלתינו רויעל גראוו

יואלי גראס, אדמו"ר מ'שלעפשיץ, יואלי לעבאוויטש, יודל הערשקאוויטש, מוטי פרידמאן, וויכי, אלי' וואלהענדלער, חילו פאזען, חיים יוסף שטייבערגער, משה ווייס ומשפחתו, מאיר לאקס, יואל שווארץ, חבי טעססלער, ארי גראס, שמעלקא פאפער (סי-געיט),

ווי וואלט איך געקענט אן **שלומי באנדא**

מיין באגלייטער אויף יעדן טריט און שריט:
**אלי' וועבער - מענעדזשער**

Special Thanks: NEW VISION MEDIA

ספעציעלער דאנק:
## נפתלי הירצקא
א גוטער פריינט!

Thank You Hashem Organization
Ari Berkowitz

JJ Srulowitz

Shloimy Teitelbaum

Shimmy Galandauer
Shimmy's Enterprise

Motty Atias

Special thanks to the Parents of the Young and Talented Solos

יואלי הערשקאוויטש \ אליעזר פעקעטע \ חזקי ברויער
אליעזר דייםאנד \ ראפי זיטמאן RTK

מיין גוטער חבר: **אליעזר וויינשטאק**

**אות הכרת הטובה**
**צו אלע זינגערס,**
**מוזיקאנטן, און מיינע**
**חברים און ידידים פון**
**איבער די וועלט!**

**מיינע זיסע**
**קינדערלעך און**
**אייניקלעך**
**כל אחד בשמו הטוב**
**יבורך**







# THANK YOU:

The Tchabe group, The דרום group, Zevy Fried, Nanny Pashkes, Yitzchok Lebowits, Chef Duddy Lemberger, Rabbi Shauly Lemberger, Meir Nussen Eizikovits, Moishy Miller, Isaac Neiman מנכ"ל, Shuki Waldman, Yossi Orgel & Moshe Elya Berger

Avi Surkis - PixMix, Shmily Brody & Pinny Melamed

My Voice Teacher: החזן נתן גליק
אברהם יצחק גאלדמאן, שרגי צין, איצ'יק שווארץ,
Radio Casters: Yossi Zweig - The Z Report, Nachum Segal, Zev Brenner, The Cool Jew, Motty Klein @ MusicOnTime, ShieZoli,
מנחם טוקר, תומר כהן, רדיו קול חי - יוסי גיל,
דוד קליגר (תם גאנץ), יוסי איזנטל, מאמענט מאגאזין
וועלוול שמעלצער, זלמן ווידער - קול מבשר.

Shloime Reichberg (Mekimi),
Chananya Dov Glick (Royal Grove)
The Herbst Family (London, England)
Hershy Ginsberg (London, England)

Dr. Martin Goldman (Mt. Sinai, NY)
Dr. Leonard Pianko (Aventura, FL)

**Thank You:** Menachem Silber, Izzy Miller (Toronto, Canada), R' Cheskie Weisz, Mordy Getz @ Eichler's, Duvid Leib Brown, Aba Fish, Eli Landau, Shlomy Rosenberg, Dr. Manny Krausz, Avrumi Berko, Hershy Hirsh, The Tress Family, Ashar Zelig Brodt, Shai Stern, Shmelka Friedman, Amrom & Debbie Miller, Willy Pilku, All the Music platforms & WhatsApp Statuses

Naftali Schnitzler, Hershy Weinberger, Shragy & Kreindel Schnitzler, Motty Perl , Rabbi & Rebbetzin Alexander and Chanie Kaller & Family (Sunny Isles Beach, FL), Yeedle Werdyger, Moishe Horowitz, Yanky Katina, Gershy Moskowitz, Sheya Mendlowitz, My Brother Chananya (Yumtee), Shlomy Frost & Family, Mr. & Mrs. Efraim Weber and Family (Lakewood, NJ), The Shimmy Deutch Family, The Dovi Schwimmer Family, The Weingarten Families, Yanky Herzog & Family, Hershey Greenberger & Family, Naftali Hertzka Ostreicher, Mechy Weber, Dr. Mendy Kiwak, Sruly Blumenfeld, Effy Tillim and the Bubbe Crew and the entire Royal Grove Family, The Pavo Gang, Shloime Brill, Zevi & Ruchy Goldring, Chaim & Blimele Kompel and Family, Nomshke, Chaim Roth, Shia Teichman, Moishe Feldman @ 33 Providence & Moshe Moskowitz

Jacob Hersko @ Dark White Studios

1

# אליהו הנביא

לחן / חרוזים: פנחס מרדכי וועבער

מעשה: חיים קאמפעל

צום הייליגן בעל שם טוב קומט ר׳ דבי
ראה מצבי
עס גלוסט בלבבי
רבי איך וויל אויך זעהן אליהו הנביא

זאגט אים דער בעל שם איך וועל דיך עצה׳ן
האלץ צום הייצן
נעם אויף דיינע פלייצן
פול אן א וואגן בשר ודגים
צום עק שטעטל טראג אים

עס וואוינט דארט די אלמנה פון ר׳ שלמה׳ן
מיט זיבן יתומים
צובראכן דארט דער קוימען
מאכן ליכטיג אין שטוב דיין אויפגאבע איז
בלייב שוין דארט אויף שבת

די הונגעריגע קינדער מאך זיי זאטע
אין שול ווי א טאטע
טראג זיי ביומא דשבתא
וועסטו זוכה זיין איך בין אחראי
וועסטו זען אליהו

דער וואגן פארט אין שניי א קאלטן ווינטער
׳אליהו הנביא׳ זינגט זיך דוב׳עלע שוין אונטער
ער זעט אים שוין אין זיין פאנטאזועלע
ווען ער קלאפט אן אויף דעם נעבעכדיגן הייזעלע

די אלמנה עפנט, אן א ווארט פרעגן איר
הייבט ער אן אויספאקן אלע גוטע וועגענער
׳ווער זענט איר?׳ פרעגט זי אן ביי אים
׳וואס א חילוק?׳ אבי אין שטוב איז ליכטיג און ווארעם

די קינדער טראגט אין שול, און אויף זיי וואכט ער
אבער יעדנ׳ס פנים אין שול באטראכט ער
אפשר איז יענער אליהו קוקט ער א פארקלאצטער
אזוי געטאן ביז מוצאי האט ער

מוצאי שבת שוין באלד דורך צוויי טאג
׳כ׳האב גארנישט געזען׳ קרעכצט ער מיט ווייטאג
ביי מלוה מלכה צום הימל ווינקט ער
און מיט טרערן זינגט ער

**אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא**
**אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי**

**אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי**
**בִּמְהֵרָה יָבוֹא אֵלֵינוּ**
**עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד.**

דובי פארט צוריק מיט בטחון על השם
כאטש כוחות מתחלשים
צוריק צום בעל שם
רבי רבי, כ'האב אלעס פונקטליך געטאן
נישט געזען אליהו'ן - ניין

דער בעל שם טוב זאגט טו צוריק אן דיין שטריימל
פאר צוריק נאך איינמאל
צו דעם צעבראכן היימל
איך זאג דיר צו יעצט וועסטו זען אליהו
אבער ויסעו'

ער פארט צוריק מיט'ן רבי'נס הבטחה
אינדרויסן גיסט, א ווינט, א זאווערובע
דארט איז דאס הייזקעלע, יא דו דערקענסט איר
די קינדערלעך שטייען שוין דארט ביים פענסטער

זיי שרייען מאמע, מאמעניו
דו וועסט נישט גלייבן ווער ס'נאכאמאל געקומען דא
אליהו הנביא פון פאריגע וואך איז צוריקגעקומען
אין שטוב טאנצן האט מען זיך גענומען

גאנץ שבת נאכגעקוקט דעם גאסט דעם מאדנעם
זיי ווייסן שוין דעם גרויסן סוד אין אים
מיט כבוד גאנץ שבת געטון באערן
אנטלאפן מוצאי שבת מיט זיינע צוויי פערדן

ביים בעל שם טוב שטייט ער שוין דארט בקרן זוית
'יעצט ווייסטו שוין דובי ווער אליהו הנביא איז
יעצט ווייסטו אז דו דארפסט נישט קיין אמצעי
ווייל דו אליין ביסט געווען אליהו

דוב'על צי האסטו דאס געוואוסט
מיט יעדן חסד פאר יענעם וואס דו טוסט
דאס שמייכל א צעבראכן הארץ דו גריסט
אליהו הנביא דו ביסט

אין זכות פון דיינע וועגענער די פולע
און דיינע מעשים טובים די שטילע
וועסטו ברענגען אליהו צו טון זיין פעולה
מבשר זיין די גאולה

**אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא**
**אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי**
**אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי**
**בִּמְהֵרָה יָבוֹא אֵלֵינוּ**
**עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד.**



CHOIR: ZAMRU

# 2 יום השישי

לחן / חרוזים: פנחס מרדכי וועבער

**סיפור: ישראלי גרין - ילד סולן: פיני מיללער**

CHOIR: ZAMRU



דער טאטע מיט'ן בעבערל דארט שטייט ער
קידוש מאכן שוין גייט ער
ארום דעם טיש לייבעלע שרה'לע גענענדעלע
אבער איין קינד ליידער פעלט - וואו איז מענדעלע

שוין אזויפיל לאנגע יארן
מיט שלעבטע חברים פארפארן
נעבעך אזא צרה רבה איז
ווער ווייסט וואו ער איז - צי האלט ער נאך בכלל שבת

פרייטאג צו נאכטס דער טאטע א פארצווייפעלטער
אלע בעבערלעך מיט וויין, אן זיי פולט ער
אויך מענדעלע'ס בעכער מיט טרערן טייכן
אפשר וועט ער דאך אהיים קומען קידוש מאכן

ער קוקט פון פענסטער
צי א געשטאלט קומט צווישן די הייזלעך
אבער אויפ'ן זייגער רוקן זיך די צוויי ווייזערלעך
מענדעלע איז נאך אלס נישט דא דער זייגער קלאפט חצות
בלית ברירה הייבט ער אויף זיין בעכער,
און אויך מענדעלע'ס כוס

און זאגט מענדעלע, אוי מענדעלע,
מיין טייער קינד, מענדעלע
פארוואס קומסטו נישט צוריק
צו דיין ווארימע, לעבטיגע שטוב
געדענקן טאטע מאמע האבן דיך דאך אזוי שטארק ליב
אוי מענדעלע, אוי מענדעלע,
מיר בענקען אזוי שטארק נאך דיר, מענדעלע
דיינע געשוויסטער האבן אזוי שיין אויפגערוימט
דיין פריוואטן צימער
אבער ביזדערווייל זאג מיט מיר מיט
וואו דו ביסט נאר אימער

זאג יום השישי ויכולו השמים
מיר האבן אלע איין טאטן א געטרייען
מ'קען פון אים נישט אנטלויפן,
דיין פרואוו מענדעלע איז אומזיסט
דער טאטע ווייסט אייביג אויך יעצט וואו דו ביסט

ער רעדט צו דיין נשמה יתירה
ער שרייט צו דיר: מענדעלע טייערע
גוט שבת גוט שבת גוט שבת
פארדעם זאג מיט
**יוֹם הַשִּׁשִּׁי וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם, וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם, וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה, וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי, וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ...**
יעצט ענטפער צוריק מענדעלע:
**גוט שבת גוט שבת גוט שבת**

יארן זענען פארלאפן
די ביטערע מחלה האט מענדעלע'ן געטראפן
צום טאטן רעדט מיט א קול א פאר'צער'ט
זיי מיר מוחל כ'האב דיר מצער געווען,
ספעציעל ביי קידוש געלאזט דירווארטן

ווער ווייסט צי כ'וועל דעם שבת איבערלעבן דעם קרענק
גיס נאך איינמאל אן מיין כוס איך וויל קידוש זאגן מיט ענק
צום שבת טיש מיינע חברים רוף זיי אלע
איך וויל מיטזאגן קידוש פון דא,
אדער שוין פון בית דין של מעלה

ליל ששי ביי חצות הלך לעולמו
מענדעלע גיבט צוריק זיין טייערע נשמה
פרייטאג צונאכטס מיט טרערן אלע חברים
מיט אנגעגאסענע בעבערלעך דארט שטייען זיי ארום

דער טאטע הייבט אויף מענדעלעס כוס מיט פחד ואימה
ער שלאפט איין ויפל ה' אלקים תרדימה
ער חלומ'ט, נשמה טהורה אתה עתיד ליטלה
ער זעהט א געשטאלט געקליידעט מיט א ווייסע קיטעלע

געט ער א געשריי: אוי געוואלד מענדעלע, מיין מענדעלע
דאס איז מיין הייליגע נשמה'לע מיין מענדעלע
מיט'ן זיידן ר' מענדל נאך ווען ער הייסט,
אין גן עדן צוזאמען ער שפאנט
דער זיידע גיסט אן דעם בעבער,
און לייגט עס אריין אין מענדעלע'ס האנט
טאטע, מיין טאטע
דא רעדט צו דיר דיין מענדעלע
זאג מיינע חברים כ'בין גרייט אויף קידוש, ה' אורי וישעי
זאלן זיי מיטזאגן מיט מיר דעם יום השישי

קינדערלעך טייערע מיר זענען זיך צוזאמען געקומען דא,
לעילוי נשמת טייערן מענדעלע, די מלאכים מיט די הייליגע
נשמות ווארטן שוין אויף ענקער קידוש, דער הייליגער
באשעפער, די שכינה הקדושה, ווארט שוין אזוי לאנג אויף
ענקער קידוש
יעצט לאמיר אלע צוזאמען מיט אונזער מענדעלע
די פמליא של מעלה גלוסט שוין צו הערן
צו ענקער הייליגן קידוש
לאמיר אויפהייבן דעם כוס צוזאמען מיט מענדעלע,
לאמיר מאכן קידוש

זאגטס אלע יום השישי ויכולו השמים
מיר האבן אלע איין טאטן א געטרייען
ער קוקט אראפ צו אונז יעצט דא
קינדערלעך ווי הייליג זענט עטס דא
ענקער קידוש ווי גרויס אין הימל איך שעץ דא
ער רעדט צו ענקער נשמה יתירה
און שרייט קינדעלעך טייערע
**גוט שבת, גוט שבת, איי א גוט שבת**

פאר דעם זאגטס מיט קינדערלעך
**יוֹם הַשִּׁשִּׁי וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם, וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם, וַיְכַל אֱלקים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה, וַיְבָרֶךְ אֱלקים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי, וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ...**
לאמיר ענטפערן קינדערלעך,
**גוט שבת, גוט שבת, איי איי גוט שבת**

אוי אידעלעך, אוי אידעלעך
טייערע ברודערלעך
אט זענען מיר זוכה ליום שכולו שבת ומנוחה
ווי שיין וועט זיין והיתה לה' המלוכה

אוי אידעלעך, אוי אידעלעך
מיינע לעבטיגע ברודערלעך
כוס ישועות אשא וועלן מיר זעהן עין בעין
ווען די גאנצע בריאה וועט פון זיך אליינס שרייען

**יוֹם הַשִּׁשִּׁי וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם, וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם, וַיְכַל אֱלקים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה, וַיְבָרֶךְ אֱלקים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי, וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ...**
די גאנצע וועלט וועט שרייען,
**גוט שבת, גוט שבת, אוי גוט שבת**
ליום שכולו שבת, גוט שבת

סאיז מיר א זכי' צו מנדב זיין די הוצאות פון די ניגון פאר כמה סיבות.
1. צו ווייזן אז ס'איז דא פון אונז וועלכע אנערקענען אין די חשיבות פון שיינע אונטערהאלטונג.
2. ווייל מיכאל איז דער ערשטער וואס האט גענומען א ניגון פון מיר אין אידיש אין מיינע ערשטע טעג.
3. ווייל דאס איז א פינקי ניגון. פינקי האט א גרויסע כח אין גראמען וואס רוב לערנען זיך פון אים. אויך האט מיר פינקי געגעבן ניגונים בחינם ווען איך האב עס געדארפט.
4. ווייל דער ניגון רעדט פון די כח פון קירוב קרובים. שוין העכסט צייט מיר זאלן זיך אויפוועקן און יעדן מקרב זיין. נישט נאר זאגן, נאר באמת אזוי טון, אויך ווען עס קומט נישט אן גרינג.

ליפא שמעלצער

PRODUCTION OF THIS SONG SPONSORED BY: LIPA SCHMELTZER

# 3 קום קום

לחן / חרוזים: הערשי וויינבערגער

Music arranged and played: Lipa Brach
Guitars: Motty Feldman

איך ווארט א גאנצע וואך, אפשר דאך
קום קום קום
**קוּם קְרָא אֵלָיו, יָחִישׁ לְאַמְּצָךְ**

איך ווארט אויף דיר, דו ווארטסט אויף מיר
עפן דיין טיר, דא זענען מיר
איך ווארט אויף דיר, דו ווארטסט אויף מיר
עפן דיין טיר, ווייל דא זענען מיר

קום קום, קום צו מיר געשווינד
איך ווארט אויף דיר אצינד,
דו ביסט מיין אייגן קינד

קום קום, קום צו מיר געשווינד
איך ווארט אויף דיר אצינד
איך וויל דיר געבן נאך
ברכות אן א סוף

קום קום, קום צו מיר געשווינד
איך ווארט אויף דיר אצינד
דו ביסט מיין איינציג קינד

קום קום, קום צו מיר געשווינד
איך ווארט אויף דיר אצינד
איך וויל דיר געבן נאך
אויף די גאנצע וואך

קום קום קום
**קוּם קְרָא אֵלָיו, יָחִישׁ לְאַמְּצָךְ**

# 4 ותפקוד

לחן: אנשי פריעדמאן • חרוזים: אלי' וועבער

**וְתִפְקֹד אוֹתִי**
**וְאֶת כָּל בְּנֵי בֵיתִי**
**וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל**
**לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם**
**אָנָּא מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים**

איך זעה
וואס דו גיבסט פאר מיר
נאר גוטס אן א שיעור
יעדע רגע יעדע ריך
משפחה און גוטע פריינט
די נשמה יתירה שיינט
יום שכולו שבת
שפירט מען דאך היינט

מיין מח קלערט אריין
וויפיל גוטס איז מיר פארהאן
ווען מ'זיצט דא ביי די סעודה
מיט פיש פלייש און וויין
מיט הארץ און מיט געפיל
דאנקען דיר איך וויל
פאר דיין ליבשאפט
אן קיין שום גבול

פאר מיין גוטן לעבן
אן קיין שום פלאג
א יישר כח דיר געבן
פאר אלס וואס איך פארמאג
מיין הארץ טוט שטרעבן
צו דעם גרויסן טאג
צו דיר איך שפיר געבן,
מיט א ניגון איך זאג

איך בעט דיר באשעפער
מיט'ן גאנצן ברען און קאך
זאל בלייבן פון שבת
אויף דער קומענדיגער וואך
לחיים ולשלום בעטן מיר דאך
באוויז דיינע חסדים
נאך און נאך

**וְתִפְקֹד אוֹתִי**
**וְאֶת כָּל בְּנֵי בֵיתִי**
**וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל**
**לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם**
**אָנָּא מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים**

CHOIR: ZAMRU



# ליכט שמועסן

לחן / חרוזים: מאטי אילאוויטש

5

די שטוב איז ציכטיג ריין
דער שבת קומט צו גיין
איך זעה ווי דו טוסט שטיין
נעבן מיר, דיין ליכט

דיינע געדאנקען נעמסטו צונויף
דיינע הענט העבער מיר הייבסטו אויף
און אויף דיין פנים לייגסטו זיי ארויף
צו באדעקן דיין געזיכט

קיינער הערט נישט, קיינער זעט די טרערן
איך לעבטל בייג זיך צו זיך אונטערהערן
איך שאקל מיט, מיט יעדע טרער'ל דיינע
און מיט יעדן טרער פון דיר טראפט אויך מיינע

איך בין דער וואס טוט דיין הארץ אפליינען
איך פארשטיי גאנץ גוט מאמע פארוואס דו טוסט וויינען
דו שטייסט געבויגן איבער מיינע פלאמען
א הייסע תפילה בעט איך מיט דיר צוזאמען

ילד סולן: יוסי מאליק, ישראלי ווײַנגארטן

**יְהִי רָצוֹן אֱלֹקֵינוּ, אוי וְתִזְכְּרֵנוּ**
**לְגַדֵּל בָּנִים וְזַכֵּנוּ**
**וְהָאֵר נֵירֵנוּ, בִּזְכוּת אִמּוֹתֵינוּ**
**אוי אוי ביום קדשנו.**

**יהי רצון - זיין דיין ווילן**
**א מאמע׳ס הארץ ערפילן**
**מיינע קינדער זאלן זיין ערליך און געזונט.**
**אין זכות פון א אידישע מאמען**
**זאלן זיי אייביג שיינען**
**די לעכטעלעך וואס די מאמע צינדט.**

**בָּרוּךְ אַתָּה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ, קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ**
**איבער מיר טו דיין האנט אויסשפרייטן**
**אויף א גאנצע וואך**
**מיין פלאם אין שטוב באגלייטן.**

אלעס וואס געשען אין די וואך
דו פארציילסט מיר דעם שמייכל דעם שטאך
איך שפיר אפילו האסט נאך
אנדערע דאנקען און וויי

פאר איינעם אין די משפחה איז שווער
דערמאנסט אויך א חולה מיט א טרער
דו בעטס פון מיר לעכטעלע הער
באלייכט די טונקלקייט ביי זיי

איך שאקל מיט די פונקען דיר צו זאגן
ווער נאך ווי איך פארשטיי וואס דיר טוט פלאגן
איך שיין ארויף צום הימל זיך אויס׳טענה׳ן
אז קומען זאל א וואך וואס זאל לייכטן און שיינען

נעם אראפ די הענט פון דיינע טרערן
גיב פאר יעדן קינד א קוש אין שטערן
די צוויי מלאכים קומען באלד צוטרעטן
איך ווער זיי איבערזאגן, מאמע, וואס דו האסט געבעטן

**יְהִי רָצוֹן אֱלֹקֵינוּ**
**אוי וְתִזְכְּרֵנוּ**
**לְגַדֵּל בָּנִים וְזַכֵּנוּ**
**וְהָאֵר נֵירֵנוּ**
**בִּזְכוּת אִמּוֹתֵינוּ**
**אוי אוי ביום קדשנו.**

**יהי רצון - זיין דיין ווילן**
**א מאמע׳ס הארץ ערפילן**
**מיינע קינדער זאלן זיין ערליך און געזונט.**
**אין זכות פון א אידישע מאמען**
**זאלן זיי אייביג שיינען**
**די לעכטעלעך וואס די מאמע צינדט.**

גוט שבת מאמע, ווינטשן דיינע שטראלן
איך גיי אויסברענען אבער זיי נישט געפאלן.
זיך אויסגעבעטן ביי מיר אזוי ווי יעדע וואך אמאל
איך ווער דיר זען די קומענדיגע וואך נאכאמאל.

**בָּרוּךְ אַתָּה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ**
**קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ**
**איבער מיר טו דיין האנט אויסשפרייטן**
**אויף א גאנצע וואך**
**מיין פלאם אין שטוב באגלייטן.**

# טאנץ אין קווארטל

6

לחן / חרוזים: הרב משה יחזקי' ווייס

MUSIC, CHOIR & MIX: AVRUMI BERKO

Guitar: Nir greif, Avi Singolda & Yumi Sebbag
Strings: Stanislav and Co.



אויף די קאבל שטיינער אינעם קווארטל
מיט א זיידענס און א דיקן גארטל
גייט ר' משה מיט גלאנצעדיגע שטיוול

ס'איז שבת, די זון גייט אונטער שוין
ר' משה גייט א שטריימל אן א קרוין
אלס אזוי פשוט און באשיידן

אין ווענעציע א קליין אידיש געמיינדעלע
איז ער דער שמש צו כאפן דארט א ביינדעלע
זעמלען פאר די קינדער און אנקליידן

לויפט אהיים פון שול שוין נאכ'ן זמן
און נאר איין דאגה איז זיין
ווען מען גייט מען צושיקן צום עמוד

ער זינגט זיך אינטער
**מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא יוֹם שַׁבָּת מְנוּחָה**
**כָּל הַמִּתְעַנְּגִים בָּהּ יִזְכּוּ לְרוֹב שִׂמְחָה**
**מֵחֶבְלֵי מָשִׁיחַ יֻצָּלוּ לִרְוָחָה**
**פְּדוּתֵנוּ תַצְמִיחַ וְנָס יָגוֹן וַאֲנָחָה**

שוין אנגעגרייט די טיי'ען און די קאווע'ן
שלש סעודות חלות פאר רעוא דרעוין
די לעמפלעך ברענען שיין דארט די נר תמיד

די ליכט אין שטוב שטייען ווי סאלדאטן
צושמעלצן זיך זיי שמעקן פונדערווייטן
א גוט שבת וואונטשט ער אויפן וועג צום שטיבל

מיט א שמייכל יעדן מען באגריסט
תורה'לער מיט די קינדערליך מען שמועסט
גייט געלאסן און זיך גארנישט יאגן

קאצקע צוקער איז דארט דא אין שול
יענקעלע קען נעמען אן א גבול
אבער זמירות דארף ער הויער זאגן

**מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא יוֹם שַׁבָּת מְנוּחָה**
**כָּל הַמִּתְעַנְּגִים בָּהּ יִזְכּוּ לְרוֹב שִׂמְחָה**
**מֵחֶבְלֵי מָשִׁיחַ יֻצָּלוּ לִרְוָחָה**
**פְּדוּתֵנוּ תַצְמִיחַ וְנָס יָגוֹן וַאֲנָחָה**

איך וואלט אלס ווען אוועק געגעבן
אביסעלע מנוחה אין לעבן
אינדערוואכן זעה איך אלס נאר די לבנה

נחת פון די קינדערליך אזויפיל
די יונג פארפאלק, די נייע קאפל
איי איי איז שבת א מתנה

פונעם יויך קומט א פארע
א וואלקן הייסע ווארע
לכבוד שבת קודש ער מורמלט

יעדער דארף מער לאקשעלעך
שלי שלך שלך שלך
מיידעלעך אינגעלעך יעדער טומלט

בונדעלעך אין קראטן, קוגלען אלע סארטן
א צימעס ווי ביים באבן

קאמפאטן פון עפל, קאסט אים באלד א קנעפל
מעין עולם הבא

**מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא יוֹם שַׁבָּת מְנוּחָה**
**כָּל הַמִּתְעַנְּגִים בָּהּ יִזְכּוּ לְרוֹב שִׂמְחָה**
**מֵחֶבְלֵי מָשִׁיחַ יֻצָּלוּ לִרְוָחָה**
**פְּדוּתֵנוּ תַצְמִיחַ וְנָס יָגוֹן וַאֲנָחָה**

# 7 יענעמ׳ס פענסטער

לחן / חרוזים: ליפא שמעלצער

Drums: Barak Aharon | Bass: Alon Hilel | Guitar: Avi Singolda | Piano: Beny Laufer | Trompets & Bones: Dani Flam | Woodwins: Dor Asraf
Strings: Yevgeny Voskoboynikov & the Jerusalem Symphony
Music recorded at: Gal Kol Studios | Zmiros studios, Bney Brack
Engeneer: Aviv Yarimi, Avi korlansky - Arranged & Conducted by: Moshe laufer

קען זיך רירן קוים קוים
ליגט ער אין א האום - האום
מער ווי צוויי יאר זייט געווארן בלינד
אבער יעצט א פרישקייט
ערוועקט פון די צומישקייט
עטוואס בעסער,
כאטש נאכנישט געזונט

ווייל יעצט גלייך אנהייב זוממער
אריין געברענגט אין צימער
נאך א בעטל נעבן אים,
נישט סתם א מאן
ווי נאר כ׳האב אים באוואויגן
אז בלינד זענען מיינע אויגן
זאגט ער מיר:
פון היינט וועל איך דיין אויגן זיין

אזוי קוקט ער פון פענסטער
די וועטער איז דער שענסטער
נישט צו קאלט, נישט צו הייס
ס׳איז אומגעפער צוויי און זיבעציג

היינט איז מער פארוואלקענט
א רעגן גיסט צום פאלק היינט
מיט הענטשקעס פיס און קאלאטשען
און א שירעם-צוג

אזוי גייט יעדן טאג און נוירסינג האום
צום בלינדן אין די אויער אריין רוימט
אויס׳משל׳ן די גאס אזוי ער טויג
פון שכן געווארן גאר אן אויג

אחר הדברים האלה
איין שבת מער נישט דא דאס קול
דער בלינדער ווארט א ווייל
דער שכן דערציילן עפעס זאל

געטראכט שוין פילע גירסות
זיך נאכגעפרעגט ביי נוירסעס
ביז איין נוירס גענומען האט די צייט
פרעגט דער בלינדער וואו איז
מיין שכן מיט זיין ראיות
יעדן טאג געטראגן האט מיר ווייט

רואיג אדער שרייען
מענטשן קומען גייען
ער האט מיר ארויס געברענגט
דאס בילד

כ׳האב פארגעסן מיינע ווייען
אמאל א זון צי שנייען
ער האט צו מיר געהאט אזא געדולד

פרעגט דער נוירס דו ווייסט נישט
אדער דו פארשטייסט נישט
יעדער מענטש פון דער וועלט גייט
ווען עס קומט די צייט

איך זעה דיינע אויגן פליסן
לאמיר זיך דורכשמועסן
אפשר ברענג איך דיר
וואס דו האסט פון אים געהאט

נו, אפשר גיי צום פענסטער
קוק אין גאס
דערצייל מיר צי עס רעגנט נאס,
צי שניי ווייס
פונקט ווי דער איד
פלעגט ביים פענסטער שטיין
געזען אלס פריש אן איבער קייען

טייערער איד
איך מאך אייך נישט צו שאנד
נישטא קיין פענסטער דא,
אויף קיין איין וואנט
איך ווייס נישט
וואס ער האט דיך דערציילט
א פענסטער אין זיין מח
האט ער פאר דיר אויסגעשיילט

אמאל קען זיין פיל פענסטער
און אלעס דאך זיין פינסטער
און כאטש ס׳איז א פארמאכטעניש
דאך אין מח אן אויפלייכטעניש

אמאל קען זיין אין שטוב א וואנט,
א פענסטער איז נישט דארט
אבער מיט דיין פאנטאזירן
ברענגסטו יענעם א ליכטיג ארט

מענטשן קענען זיין בלינד
וואס ביי דיר איז שיין ציכטיג
און דו קענסט זיי אויפלייכטן
און ווייזן זיי אז אין הארץ
קען זיין ליכטיג



לחן : הערשי ראטענבערג, אנטווערפן
חרוזים: הערשי ראטענבערג, שמואלי גרינפעלד

# 8 געלאפן אין די גאסן

זאנוויל פארזונקען
אין וועלטל זיין אייגן
שיך מיט שטיוול
און קלאפער געצייגן
ער זעהט נישט די קינדער
קיין צייט נישט צו שטייגן
זעבצן שעה אין שוסטעריי

חצות אבער פרייטאג
די פיין אויסגעמיטן
דאגות באזייטיגט
ווי זיס די מינוטן
ער לייגט דעם שלאס
און מיט פרייליכע טריטן
ער לויפט אין גאס מיט א געשריי

**אידעלעך גוט שבת**
**ברודערלעך גוט שבת**
**שבת היום לה'**
**שבת היום לה'**

אברהם איינגעטונקען
אין זיינע נכסים
קויפן פארקויפן
מהכא להתם
טראכט פון זיין מענדי
א לעבעדיג יתום
פארטרייבן די מחשבות ער צווינגט זיך

איך וויל זיין א טאטע
נישט נאר א שפייזער
פרייטאג צוועלף מיטאג
די זייגער'לס ווייזער
שפארט אפ דעם אפיס
פארגעסט פון דעי הייזער
אויפ'ן וועג אהיים ער צווינגט זיך

**אידעלעך גוט שבת**
**ברודערלעך גוט שבת**
**שבת היום לה'**
**שבת היום לה'**

**דער הייליגער**
**רבי אהרן קארלינער זי"ע**
**פלעגט זאגן:**

**ווען איך וואלט געהאט**
**געהאט כח**
**וואלט איך געלאפן**
**געלאפן אין גאסן**
**און איך וואלט געשריגן**
**געשריגן הויך**

**אידעלעך גוט שבת**
**ברודערלעך גוט שבת**
**שבת היום לה'**
**שבת היום לה'**

**גוט שבת!!**



ילד סולן: דובי וויינגארטן

CHOIR: ZAMRU



# 9 בייניש

לחן: הרב הערשל פעקעטע (העלמעץ)
סיפור: יהושע כהנא
חרוזים: הערשל דייטש

MUSIC ARRANGED: NAFTALI SCHNITZLER

שבת צופרי צווישן די יאפענעזער
שוין דרייסיג יאר זייט מ'האט פארבאפט
זיין קינד שלום אליעזר
אנגעקומען איז ער דא מיט אלע פליטים
דאס הארץ פאר בענקשאפט צוגייט אים

אין שול נאך נישט געווען זייט דעם חורבן אייראפע
אלס באקומען נאך א קלאפ און נאך א קאפע
ער טראכט הלוואי איך האב דעם עונג
א נקמה אינעם ימח שמו'ניק

איי איי איי, אזויפיל יאר פארביי,
וואס איז מיט מיין חלק אלוקי
נישט געהאט דעם געפיל, צו גיין אפילו שבת אין שול
אבער מיין פינטעלע יוד, צום שול עס ציהט
אהין ער שפאנט,
דער רב זעהט עפעס אזוי אינטערעסאנט

א איד אן אלטער, פון זיינע כוחות פאלט ער
ביי די טיר אליין שטייט ער, אן קיין באגלייטער
וואס קען זיין דא, פארוואס קומט ער נישט אריין דא
דער רב אינטערעסירט זיך, קומט אריין ער פרובירט זיך
פארוואס שטייט איר ביים טיר, אבער גארנישט רירט זיך

קוים אווארט דער אידעלע רעדט אויס
דער רב זאל וויסן זייט די פינסטערע געטאס
מיין איינציג קינד פארבאפט געבליבן בין איך אן עלנדער
פארוואס זאל איך גיין אין שול, פרעגן וועל איך דיר

טייערער איד, די זעלבע גיהנום דורך זענען מיר
איך וועל אייך געבן א זיץ דא ביים באלעמער
נאך שחרית קומט א פיינעם קידוש פאר די "נשמה פלאם"
דו וועסט דיך שפירן באקוועם מיט די קהלה דא צוזאם

שיקטס ארויף די ברוינפן, די זעקס און נײנציגער
לחיים, לחיים, זיינע אויגן ווערן גלאנציגער

נאכן קידוש דער איד וויל שוין גיין, זיין א באפרייטער
דער רב בעט אים מאך נישט יעצט קיין פליטה

מ'גייט יעצט ליינען ס'נעמט שנעל,
ס'איז פון די קלענערע סדרות
אפשר וועט מען מאכן א קל מלא,
די עצה איך גיב דיר עס
פאר אייער בן יחיד'ל אזוי יונג אוועק על קידוש שמו
וועט עס זיין באטש לעילוי נשמתו

איי איי איי יעמוד מורינו ר',
דער גבאי רופט אויס נאך אן עלי' געב
שלישי חמישי, יעצט דער רב ער באקומט שוין ששי
יעמוד שלום אליעזר בן בייניש,
וואס האב איך געהערט איך פארשטיי נישט
איך בין דאך בייניש,
וואס איז דער קאפ פארדרייעניש

ר' שלום אליעזר, דער רב פון די קהלה איך זעה איז ער
צו ווייסן זיי נישט, אז איך בין דאך בייניש
דער נאמען טוט אין מיין קאפ האמערן,
מיין איינציג קינד אין די גאז קאמערן
און איך בין דאך בייניש,
וואס קען דא זיין אין ערגעץ איך גיי נישט
ער הייבט אן וויינען וירא כי אין איש

ער קוקט און קוקט ער שפירט ער גייט חלש'ן
מיין שלום אליעזר'ל ער שרייט אויס פאר אלע שוין
דער רב קומט נענטער ער פאלט ארויף,
טאטע הערן מיין קול טו
ווייל ראות פניך לא פללתי

שוין דרייסיג יאר כ'בין נישט געווען אין שול מיט זיי
געוואלט זאגן נאך דיר יתגדל ויתקדש שמי'
א שמחה פאר יאפאן און פאר די גאנצע שטאט איז
מיך געברענגט דא אין שול, אזא השגחה פרטית



לע"נ ר' שלמה זלמן ע"ה
בן ר' יצחק עקיבא בן ציון הכהן נ"י
(שלומי די קענדי מען Royal Grove)

10

# שלומי'ס שבת פארטי

לחן / חרוזים: ר' אברהמ'לע שפירא

א סעודה לאנג פארזוימט
שוין אויפגערוימט
יעדער האט הנאה געהאט
יושע'לע און עטיל
גוט געקענט דעם שבת צעטיל
ס'איז שבת נאכמיטאג, אזא געהויבענע צייט

זיך אפרוען טאטי וויל, מיר וועלן שפילן שטיל
אלי' איינער קלאפט, שנעל לויף צום טיר
גוט שבת ארי
איך וויל אויך זיין ביי שלומי'ס שבת פארטי
קום אריין ס'איז אויך דא פלאץ פאר דיר!

פּאפּקארן און סאוער בעלטס
אה עס גייט א רויך
גאמי בערס א יעדער קוועלט
ברכות מאכט מען הויך
די ציינער כאפן טשילס פון קעלט
פאר די אייסעס מאמי ש'כח - עונג שבת

דעם זיסן טעם דעם שבת'דיגן
טוען אלע שפירן
און מיט א געשמאקע ניגון
טוט יושע'לע אנפירן
א זמירות נאש קען יעדער קריגן
און ווי שיין מיר שעירען - עונג שבת

ניסעלעך און וואטערמעלאן
מ'דארף עפעס געזונט
עטעלע זי טוט נישט וועלן
זי איז דאך פארט א קינד
איר גאנצע כוס, אין איין שאס
אויסגעגאס, א סטעין געלאזט
שבת, עונג שבת

מאמי פּליז איך דארף עס
די ראגעלעך די פרישע
זאג מיין קינד לכבוד שבת
עס ווערט פול מיט קדושה
א יעדער ביס, א זכות
די נשמה איז, צופרידן געוויס - שבת!

**קינדערלעך מיר פראוווענען**
**ביי שלומי'ס שבת פארטי**
**לאמיר אלע דאווענען**
**אז אט שוין התנערי**
**מיט אחדות שיין זיך חַבר'נען**
**אויך יושע'לע און ארי - עונג שבת!**

שאלאכץ און רעפערס
רייניגטס באטש עפעס
א ברכה אחרונה יעדער איז שוין זאט
אלי' לאמיר שפילען שאך
איך בין ווייס און איך גיי גלייך
סי'ז נאר א געים, אופּס! שאך מאט

עס איז שוין צייט פאר חברת תהלים
זינגען שיר המעלות
ר' אשר בער וועט אונז אפשטילן
פרעגן סדרה שאלות
די שיינע מעשיות טוט אנפולן
די נשמה מיט התפעלות - עונג שבת

אויף פרישע לופט מען גייט שפאצירן
איינס צוויי דריי גלחים
פון ספר טוט מען זיך נישט רירן
צו זיין א תלמיד חכם
א מאמע טוט איר קינדער פירן
עס היטן די מלאכים - עונג שבת

שלומי, אלס מיט געפיל
דער קענדי מען ער טיילט
פאר די קינדערלעך אין שול
זייער הערצעלעך דערפרייט
צוקערלעך, געב איך דיך
שטיקעלעך, זאלסטו זיין גליקליך
יעדן שבת

און באלד קומט אן דער גרויסער טאג
דער יום שכולו שבת
דער באשעפער האט אונז צוגעזאגט
ושא נס לקבץ,
אונזער לאוו, ס'גייט ארויף
און מ'האפט, ס'קומט דער סוף
ס'קומט שבת!

**קינדערלעך מיר פראוווענען**
**ביי שלומי'ס שבת פארטי**
**לאמיר אלע דאווענען**
**אז אט שוין התנערי**
**מיט אחדות שיין זיך חַבר'נען**
**אויך יושע'לע און ארי**
**עונג שבת!**

# 11

# באלעבאס

CHOIR: YOEL HERSH FUCHS
& MOTTY FELDMAN




לחן: ישראלי גרין  חרוזים: נפתלי הירצקא ראזענבערג

אויפ'ן אקיאן, דער קאפיטאן, דעם שיפל זיין
פירט דורך ווינטן בייזע
קיין ארץ ישראל צילט דער רייזע
דעם צדיק ר' יעקב אויך ער ברענגט אים
באזעצן זיך אין לאנד דעם אויסגעבענקטן

שווערע וואכן, לענדער קאכן, אויסגעבראכן
די וועלט מלחמה אין פוילן
אן אומוועג אינעם ים מ'ווערט באפוילן
פארקירעוועט דעם שיף א שטעגל זייטיג
אנשטאט מיטוואך דער שיף אנקערט ערשט אום פרייטיג

ווילדע וואלן, שפיגלען די שטראלן
ענדליך דארט ביים עק
זעהט זיך שוין דער ברעג
דער שיף צום פארט זי טוט זיך צואיילן

אוי אוי ווײ שבת, הייליגער שבת
דער זייגער גייט זיין גאנג
אט פייפט דער שבת קלאנג
דער נאכט כמעט שוין איז צוגעפאלן

קוים קוים געאנקערט, ר' יעקב צעגערט נישט
צום קאפיטאן קערט, דא בלייבן מעג ער נישט
דעם פאספארט זיגל, עפן אויף דעם ריגל
עס ווארט אויף מיר א ליבער גאסט

רענצלעך זעבצן, איך לאז דא ליגן
איך וועל נישט קרעכצן, אז כ'האב אפגעשטיגן
איך וועל נישט זארגן, אויפדערנאכט מארגן
אפנעמען די זעקלעך וואס איך האב פארפאסט

בייזע ברעמען, קוקט אויף אימ'ן
ווייסט פאר וועמען
וועט גיין די פעקלעך פילע?
ס'איז מלחמה צייטן נישט סטאבילע

מיט שטאלץ זיין ענטפער איך וועל טון נאר דאס
דעם רצון פון דעם גרויסן באלעבאס

אויפגעלייגט, פון שיף אפשטייגט, א טעקסי הייקט
צום שטאט מיט הוט און רעקל
געבליבן ניטאמאל מיט א קליין זעקל

זיין האב און גוטס בלייבט דארט איז דער באשלוס
טון דעם רצון פון דעם באלעבאס

במצוות שבת, ק-ל יחליצך
ס'גייט מיר גארנישט אן וואס טוט זיך
מיט שמחה טאנץ און שוויץ איך
פון באלעבאס באקום אלס נאר גוטס איך

**מִזְמוֹר, מִזְמוֹר שִׁיר, מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת**
**טוֹב לְהֹדוֹת, וּלְזַמֵּר וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן**

א גוטע וואך, מוצאי ביים צאת
טראכט אפשר דאך, נאך א מעת לעת
געבליבן עפעס נאך, בדרך נס
און יעדער זאגט צו אים: פון דעם פארגעס!

דער הימל שווארץ, שרעקט דאס הארץ
"העי - ווארטס!"
דער שטילקייט דורכגעשניטן
"איך מוזט זיין מר. דשעיקאב - א גוטן"
אט ליגן אלע זעק און פעק גלייך דא
איך ווארט שוין אויף דיר זעקס און צוואנציג שעה

דיין ריזיקירן, אלס פארלירן,
געטון שאקירן, מיינע אפיצירן
און אלס שומר געטון מיך נאמינירן
געווארנט צו קיין איין זאך נישט צורירן
און אלס איז דא, חתמ'ע נאר די פאפירן

אט טוט ער שפירן, דעם מזמור שיר'ן
ווייל א איד דארף נישט אויספירן,
נאר גוטס אינוועסטירן
דער באלעבאס וועט דיר נישט איגנארירן

קענסט קאנטראלירן, דיינע אויפפירן
טו זיך אידענטיפיצירן, כל גויי הארץ יכירון
אפילו דער גוי וועט דיר נאר רעספעקטירן

דארפסט נאר אביסעלע - פרובירן
דאס הארץ א גיס'עלע - וועט גוטס פאסירן
אט דער שליסעלע  - עפנט טירן
דער באלעבאס וועט מיט דיר אלס שטאלצירן

און זינג
**מִזְמוֹר, מִזְמוֹר שִׁיר, מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת**
**טוֹב לְהֹדוֹת, וּלְזַמֵּר וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן**

# 12 פייגעלע

דער קעניג זיצט דארט גרויס און ברייט
אראפ געלאזט טרויעריג און צוגעלייגט
קיינער קען נישט בארואיגן
דעם קעניג׳ס געפילן

מוזיקאנטן האלטן אין זייערע הענט
יעדער א צווייטן אינסטרומענט
און באלד אויך זיין באפעל
מ׳נעמט זיך שפילן

פלוצלינג פון ווייט מ׳הערט א קול
דעם קעניג׳ס באפעל שטיל ווערן מ׳זאל
א קליינע פייגעלע זינגט דארט זיס און שיין

דער קעניג לעבט אויף
אינגאנצן דערפריידט
מוזיקאנטן איר זענט באפרייט
ווייל פון דעם פייגעלע׳ס זיס קול
קען מען דאך צוגיין

ס׳איז גארנישט ווערד
פראפעסיאנאלע מוזיקאנטן
וואס זיי טוען פארשטעלן
מיט זייערע טאלאנטן
זיי נעמען אין אכט
און אין באטראכט
מיין גרויסע מאכט
וואס איז באוואכט
א וואונדער אז זיי זינגען אזוי שיין?

וואס טוט מיר אסאך ענדערש
ריכטיג אונטערהאלטן
דוקא א קליין פייגעלע
פון ווייטע שפאלטן

ווען זי טוט ברומען, די זיסע שטימען
דאס טוט ביי מיר חן באקומען
צו זינגען פאר מיר אפילו אן פארשטיין

פייגעלע דו זינג ווייטער שיין
אזוי ערליך און ריין
ביים קעניג אליין באקומט עס חן

זינג ווייטער דעם ליד פון שבח
עס ברענגט מיר זייער הויך
עס גיבט מיר כח
עס גייט א רויך

זינג מיר נאכאמאל דעם ליד
און ווער נישט מיד
עס ווארימט אן יעדן גליד
יעדע איינציג תנועה איך הער
עס ווערט נאר שטערקער מער
ווייל דאס ווערט נאר שענער און שענער

דער קעניג פון דער גאנצער וועלט
פאר אים שטייען אויסגעשטעלט
צענדליגער מיליאנען גרויסע מלאכים

יעדנ׳ס אויפגאבע איז ערליך
זיי זינגען אזוי שיין הערליך
דעם באשעפער׳ס נאמען לויבן מיט שבחים

דער באשעפער אליין מאכט זיי שטיל
עפעס אנדערש הערן איך וויל
זיי פרעגן אפשר זינגען זיי נישט שבחים
געהעריגע

לחן / חרוזים: חזקי לאקס

זיי פרעגן איידל אויב אונז מעגן
פונעם גרויסן באשעפער פרעגן
פארוואס די זמירות פון עפעס א אידל אין
אמעריקא

איז דען גארנישט ווערד דאס זינגען פון אונז
מלאכים
פאר׳ן גרויסן מלך מלכי המלכים
אונז זינגען מיט מורא, פאר דיר בורא
ווייל אונז זעהען דיין גרויסע אורה
עס ציט דיך דען בכלל נישט די ניגון
וואס טוט מיר אסאך ענדערש ריכטיג
אונטערהאלטן
דוקא עפעס א אידעלע אין גלות דעם קאלטן
זיין ערליכע תמימות
איך בארים עס
עס האט דאך אזויפיל נעימות
דאס גיבט מיר אזויפיל פארגעניגן

אידן לאמיר זינגען שיין
אזוי ערליך און ריין
ביים באשעפער אליין באקומט דאס חן

יום שבתון אין לשכוח
צוזאמען זינגען הויך
מיט׳ן גאנצן כח
ס׳זאל גיין א רויך

כל מקדש שביעי כראוי לו
מנחה ושמחה אור
לבי ובשרי ירננו אל ק-ל חי

ק-ה אכסוף נועם
ק-ה רבון עלם
זינגט אלע צוזאם
מיט די נשמה פלאם

CHOIR: ZAMRU
SPECIAL THANKS:
MEILECH KOHN & ZEVY FRIED



# 13 פיאסעצנא

לחן: ישראלי גרין • חרוזים: ר' אברהמ'לע שפירא

פון מיין שטעטעלע פיאסעצנא
איז קיין זכר נישט געבליבן
חוץ איך איינער אליין
און די פאר זכרונות וואס איך
האב פארשריבן

איך געדענק ניטאמאל וועלכע סדרה וועלכע פרשה
אין ביטערן גיהינום אין געטא אין ווארשע
דער זון גייט אונטער
עס קומט א ווינטער
די צובראכענע הערצער קיינער דערמינטערט

היינט ארבייט דער רבי אין שטיוול פאבריק
ס'איז שווער צו געדענקען נאר אפאר מאנאטן צוריק
ביי רבי קלונימוס קלמן
פלעגן מיר זיך פארזאמלען
יעצט די משפחה געשאסן פארבליבן אן אלמן

איך בענק מיין שטעטעלע פיאסעצנא
איך בענק עס נאך, אוי ווי איך שעץ נאר
א שבת קודש
דעם רבי'נס פנים אזוי זיס גלאנצן
ביי די תורות ביי די טאנצן

איך בענק זיך שטארק צום שבת קודש
איך זוך און זוך, דער דייטש ער וואכט
עס איז שבת סוכות די ערשטע נאכט
איך בענק אויף דעם רבינ'ס עילו אושפיזין קדישין
איינער ווייזט מיר פון דורך די שפאלטן
הויך דארט אין בוידעם איז אויסבאהאלטן
די חבריא איז דא לאמיר זיך צוזאמען דערפרישן

די טיר פארקלאפט
די בוידעם געפאקט
דעם קידוש דער רבי הייבט אן
ס'איז נישטא קיין וויין
זיין פנים שיינט
און ער זינגט מיט'ן יום טוב'דיגן טאן

אשר בחר בנו, ורוממנו
טאטע דו האסט אונז אויסדערוועלט
אפילו אין געטא ווען א סוכה,
ווען א חלה א שמחת יו"ט עס פעלט

CHOIR ARRANGED BY - SHLOIME FEINGOLD | PARK STUDIOS, LAKEWOOD NJ

Park Studios



ילד סולן: יושע אינדיג

אינעם פינסטערן שלאבט, דער רבי מאכט
א שהחיינו אז מען האט דעם טאג דערגרייכט
שהחיינו וקיימנו
פלוצלינג א אידעלע דעם רבי'ן אריינגעהאקט
רבי ער שרייט
וואס איז דער באדייט
אין פייער סיווי באלד מען גייט
אויף וואס זאגט מען שהחיינו, און דער גאנצער עולם שווייגט

דער רבי קוקט אין די אויגן די דערשראקענע
דער רבי שפירט די הערצער די צובראכענע
ער זאגט טייערע אידן, דוקא ווען מיר וואנדערן
דוקא יעצט פאסט א שהחיינו זאגן
דו מיינסט דו האסט גארנישט אבער דו טוסט אלעס פארמאגן
לאמיר מאכן א שהחיינו ווייל מיר האבן איינער דעם אנדערן

"און דאס איז געווען דאס לעצטע מאל
וואס מיר האבן פארברענגט צוזאמען
ווייל מ'האט זיי נעבעך אלע ליידער אוועק געפירט אין די פלאמען
אבער דער שהחיינו האט אייביג דערקוויקט מיין גייסט,
מיין אויסגעמאטערטע גלידער
ווייל ווען אפילו ס'איז קיין האפענונג נישט געבליבן,
האב איך אבער אייביג ענק, מיינע ברידער"

איך בין ארויס פון די אַש
פארלוירן קוראזש
א וועלט פארשוואונדן, ווי קען איך אנגיין

געוואלט אויפגעבן
וואס האב איך צו לעבן
אבער כ'האב געוואוסט איך בין נישט אליין

ווייל יעדער יוד אין אים
ליגט אהבת חינם
קיין חילוק ווי נאנט אדער ווי ווייט
מיר זענען ברידער שהחיינו עס איז אייביג די ריכטיגע צייט

ברודער לייג א גלאנץ אין דיינע אויגן די דערשראקענע
קינדערלעך דערפריידט ענקער הערצער די צובראכענע
אידעלע פארגעס נישט אפילו דו טוסט וואנדערען

דוקא יעצט פאסט א שהחיינו זאגן
דו מיינסט דו האסט גארנישט אבער דו טוסט אלעס פארמאגן
ווייל מיר האלטן זיך נאנט מיר האבן איינער דעם אנדערן

**שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה**

CHOIR MEMBERS: AVREMELE SHAPIRO, SHLOIME FEINGOLD, LUZY LUNGER, ABER FRIEDLANDER, SHLOIME TYBERG, ISAAC KESSLER



# 14 אייגן יחוס

לחן / חרוזים: ליפא שמעלצער

CHOIR BY: MOISHY SCHWARTZ - GAVI SCHWARTZ

Drums: Barak Aharon | Bass: Alon Hilel
Guitar: Avi Singolda | Piano: Beny Laufer
Trompets & Bones: Dani Flam | Woodwins: Dor Asraf
Strings: Yevgeny Voskoboynikov & the Jerusalem Symphony
Music recorded at: Gal Kol Studios | Zmiros studios, Bney Brack
Engeneer: Aviv Yarimi, Avi korlansky
Arranged & Conducted by: Moshe laufer

רבי זושא איז מיין זיידע פון מיין מאמע׳ס זייט
פון מיין טאטע׳ס זייט - דער אורים ותומים
מיין באבע שטאמט פון ראש הקהל פון טאשנאד
א בן אחר בן פונעם דעת פנינים

א יחוס בריוו מיר האבן וואס עס ציט ארויף
עס הייבט מיך אויף - ביז שלמה המלך
מיין זיידן האט דער אושביציע׳ר געזאגט דערויף
אז פון אים וועט ארויס קומען דורות הערליך

**איך האב דיר ליב פאר ווער דו ביסט**
**דיין אייגן יחוס נישט אומזיסט**
**די וועלט מיט שיינקייט שיינסט און גיבסט - דו ביסט**

מיין פעטער דארט אין סי-געיט איז דער ראש הקהל
זיין ווייב אין סקול
פירט אן די ווירטשאפט
און מיין טאטע פירט דאס גאנצע סיום הש״ס
אין אונזער גאס
פאליס פאטראל ער שאפט

מיין ראש ישיבה׳ס סעל פאון נומער נאר איך האב
איך זאג דיר גראב
ער לאזט קיינעם רופן

איך האב א זינגער וואס שיקט מיר פריוואט אין באנג
איך הער זיין סאנג
איך גיב מבינות שעות רצופות

**איך האב דיר ליב פאר ווער דו ביסט**
**דיין אייגן יחוס נישט אומזיסט**
**די וועלט מיט שיינקייט שיינסט און גיבסט - דו ביסט**

איך קען איינעם, וואס קען א צווייטן
וואס קען איינעם, וואס קען א דריטן
וואס קען דיר ארלעדיגן א סטיקער
צו פארקן וואו דו ווילסט
ווען דו ווילסט

מיין שוואגערס מחותן איז פון די
ער קען דיר ברענגען א פרישע פי בי עי

אז דו פארסט שנעל אמאל - גיב מיר נאר א קאלל
מ׳וועט דיר אראפוואשן דעם טיקעט, אפילו מיט׳ן טאלל
הערסט וואס טוט זיך דא?

**איך האב דיר ליב פאר ווער דו ביסט**
**דיין אייגן יחוס נישט אומזיסט**
**די וועלט מיט שיינקייט שיינסט און גיבסט - דו ביסט**

מען דערציילט א מעשה אז א צדיק האט געזאגט
אז יעדער יחוס איז ווי נאך א זערא
און אויב דו פירסט זיך אויך ווי א גוטער מענטש
ביזטו מיט דיין נומער א גרויסע הערא

למשל אויב האסטו צוואנציג שיינע זיידעס
ווי די גוטע אידן,
אז דו פירסט זיך אויך שיין, ביסטו א טריליאנער
אבער אויב חס ושלום איז איינער א זערא
וואס איז יחוס ווערד

**איך האב דיר ליב פאר ווער דו ביסט**
**דיין אייגן יחוס נישט אומזיסט**
**די וועלט מיט שיינקייט שיינסט און גיבסט - דו ביסט**

ביסט אזוי הייליג זיס, אזא מיוחס, פאר ווער דו ביסט.

צוויי הערליכע ניגונים פאר מיין געטרייען
שווער ר׳ **מיכאל** שניצלער, קאמפאזירט דורך
מיין טייערן ידיד, ר׳ **ליפא שמעלצער**.
די סידי רעדט דאך פון **שבת**. מיין שווער
האט מיר געגעבן די מתנה פון **שבת** מיט אן
אשת חיל וואס אויף איר שטייט די וועלט! און
ווען מיין שווער מאכט א סידי איז א יום טוב
אינדערוואכן ביי כלל ישראל...
דער ניגון איז געשריבן געווארן דורך **ליפא**
ביי מיר אינדערהיים, הערנדיג ווי מיין שווער
זינגט עס אראפ, און ווי מיינע קינדער הערן
צו זייער זיידן, גיבט עס מיר גרויס הנאה צו
קענען האבן א חלק דערין.

**בערי & רייזי**

# 15 צור משלו

מחבר החרוז: עתיק – לא נודע • מחבר הזמר: יוסי גרין

צוּר מִשֶּׁלוֹ אָכַלְנוּ. בָּרְכוּ אֱמוּנַי שָׂבַעְנוּ וְהוֹתַרְנוּ כִּדְבַר ד׳:

הַזָּן אֶת עוֹלָמוֹ. רוֹעֵנוּ אָבִינוּ. אָכַלְנוּ אֶת לַחְמוֹ. וְיֵינוֹ שָׁתִינוּ. עַל כֵּן נוֹדֶה לִשְׁמוֹ. וּנְהַלְלוֹ בְּפִינוּ. אָמַרְנוּ וְעָנִינוּ. אֵין קָדוֹשׁ כַּד׳:

צוּר מִשֶּׁלוֹ אָכַלְנוּ. בָּרְכוּ אֱמוּנַי שָׂבַעְנוּ וְהוֹתַרְנוּ כִּדְבַר ד׳:

בְּשִׁיר וְקוֹל תּוֹדָה נְבָרֵךְ לֵאלֹקֵינוּ. עַל אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה שֶׁהִנְחִיל לַאֲבוֹתֵינוּ. מָזוֹן וְצֵדָה הִשְׂבִּיעַ לְנַפְשֵׁנוּ. חַסְדּוֹ גָּבַר עָלֵינוּ. וֶאֱמֶת ד׳:

צוּר מִשֶּׁלוֹ אָכַלְנוּ. בָּרְכוּ אֱמוּנַי שָׂבַעְנוּ וְהוֹתַרְנוּ כִּדְבַר ד׳:

רַחֵם בְּחַסְדֶּךָ. עַל עַמְּךָ צוּרֵנוּ. עַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ. זְבוּל בֵּית תִּפְאַרְתֵּנוּ. בֶּן דָּוִד עַבְדֶּךָ יָבֹא וְיִגְאָלֵנוּ. רוּחַ אַפֵּינוּ. מְשִׁיחַ ד׳:

צוּר מִשֶּׁלוֹ אָכַלְנוּ. בָּרְכוּ אֱמוּנַי שָׂבַעְנוּ וְהוֹתַרְנוּ כִּדְבַר ד׳:

יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ. עִיר צִיּוֹן תְּמַלֵּא. וְשָׁם נָשִׁיר שִׁיר חָדָשׁ. וּבִרְנָנָה נַעֲלֶה. הָרַחֲמָן הַנִּקְדָּשׁ. יִתְבָּרַךְ וְיִתְעַלֶּה. עַל כּוֹס יַיִן מָלֵא. כְּבִרְכַּת ד׳:

צוּר מִשֶּׁלוֹ אָכַלְנוּ. בָּרְכוּ אֱמוּנַי שָׂבַעְנוּ וְהוֹתַרְנוּ כִּדְבַר ד׳:

# ALBUM SPONSORED BY:



**NEVADO PLASTER USA**

The Plaster moulding experts

917-577-0847

Grandview
BROKERAGE

T 718.333.1155 | F 718.621.1155
WWW.GRANDVIEWBROKERAGE.COM

KOSHER ARTISAN CAFE
Bakeristor
221 W St. Georges Ave. Linden NJ · 908-275-3251
WWW.BAKRISTOR.COM



GET IT ON
SHOPEICHLERS.COM
powered by Eichlers of Boro Park

BINGO°
HEATING & COOLING
347-451-9320